# זעקה גדולה ומרה!

## חגרו שק!!!! על עלבון תורתינו הק' וכל הגאונים והצדיקים מזמן הב"י והשו"ע עד היום הזה.

אזוי ווי עס איז ארויס א מודעה פון אגודת הרבנים, אז ווער עס טראָגט מיט אן עירוב אין ברוקלין איז א מחלל שבת בפרהסיא, ווייל עס איז א רה"ר מדאורייתא. און די וואָס האָבן געמאַכט דעם עירוב זענען מכשיל את הרבים מיט חילול שב"ק עכ"ל.

ע"כ ווילען מיר דאָ מודיע זיין דעם ברייטען ציבור אז דער גאַנצער יסוד וואָס זיי האָבן מפרסם געווען אַז עס איז א רה"ר איז א טעות גמור ווייל מער ווי דריי און א האלב זייטען פון ברוקלין איז אַרום גענומען מיט ים און מער ווי דריי זייטן איז דאָ מחיצות ממש וואָס איז געבויט געוואָרען בידי אדם און רוב פון די פערטע זייט, און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך רבנים גדולי התורה.

וז"ל השו"ע או"ח סי' שמ"ה סעיף ב':

איזהו רה"י מקום המוקף מחיצות גבוהות עשרה טפחים ויש בו ארבעה טפחים על ד"ט או יותר, וכן חריץ עמוק עשרה ורחב ד' על ד' וכו'. עכ"ל.

ולהלן בסימן שס"ג סעיף א' וז"ל:

מקום שיש לו ג' מחיצות אסרו חכמים לטלטל בו עד שיעשה שום תיקון ברביעית עכ"ל ועיין במ"א שם סי' שמ"ה סק"א וזל"ק

משמע בדברי הפוסקים דכשיש שני מחיצות ולחי הוי רשות היחיד דאורייתא כדאיתא בעירובין דף י"ב דלחי משום מחיצה, וכ"כ הרא"ש פ"ק דסוכה, ועיי"ש באריכות ובנו"כ שם, — אזוי פסק'ט דער ב"י און אלע נו"כ פונעם ב"י עד היום הזה, און דער יסוד פון די הלכה איז מפורש א ברייתא מס' שבת ו. ובכמה מקומות, וז"ל הגר"א בביאור הגר"א שם "פשוט בכמה מקומות ועיקרא בברייתא שם".

יעצט רבותי!

עפענט אויף אייערע אויגען און זעהט וואָס עס טוט זיך דאָ!!!

ווער עס קען נאָר א שטיקעל גמרא און שו"ע זעהט אָפען אז א פלאַץ וואָס האָט מחיצות הייסט א רשות היחיד אדרבה קוקט אריין אין שו"ע וועט איר זיך אליין איבערצייגען דעם אמת!!!, און אזוי האבען גע'פסק'ט דער חזון איש און ר' חיים עוזר אין א תשובה שנת תרצ"ח, און ר' יונתן שטייף און אלע אנדערע פוסקים גדולי האחרונים זצ"ל.

יעצט וועלען מיר רעדען פון פאַקטען אויב עס איז דאָ מחיצות אָבער נישט?

צייגט אייך אליין איבער און גלייבט קיינעם נישט נאָר די הייליגע חז"ל מיט'ן שו"ע, און נאָר וואָס איר זעהט אליין מיט די אייגענע אויגען!!!

גייט אריין אין יעדען געז סטעישען אָבער ביי לעינס גיסט סטאָר און קויפט א מאַפּע פון ברוקלין, עפענט אויף די מאַפּע וועט איר זעהן אז כמעט גאַנץ ברוקלין דריי מיט דריי פערטעל זייט איז אָרום גנומען מיט וואַסער. און לעבען די וואַסער איז ארויפגעבויט מחיצות, אז כדי מענטשען זאָלען נישט אריינפאַלען אין וואַסער.

אויך איז דאָ מחיצות גמורות ארויפגעבויט בידי אדם כדי אז דער ים זאָל נישט פאַרפלייצען די שטאָט, אין יעדער וואָס האָט צוויי אויגען קען דאָס זעהן. און יעדער וואָס גייט צו תשליך ווייסט גאַנץ גוט אז די מחיצות זענען דאָ. און אפילו רוב פון די פערטע זייט איז אויך דאָ מחיצות ווייל לעבען די הייוויייע איז דאָ הויכע גדרים כדי מענטשען זאָלען נישט געשעדיקט ווערען אין די הייווייעס אין יעדער וואָס פאָרט צום עיר־פּאָרט קען דאָס זעהן.

ממילא קומט אויס אַז מיר האָבן כמעט פיר זייטען פון ברוקלין אַרומגענומען מיט מחיצות, אויך ברענגט הגה"צ ר' יונתן שטייף זצללה"ה באריכות אין זיין תשובה אַז אין גרויסע שטעט איז די היקף הבתים א מחיצה און אזוי שטייט אין די ספרי הראשונים ואחרונים.

אויך איז באָוואָוסט אַז אפילו א רה"ר ווערט איז מקורה (באַדעקט מיט א באַלקען (ביעמ'ס)) האָט דעם דין פון א כרמלית, און ווי באָוואוסט איז באָראָ פאַרק אָרום גענומען פון אלע 4 זייטען מיט א טרעין, און א אריינציר פון די עליוועיטער איז לויטען שטאַטיסטיק פון די גאָווערנמענט נישט דאָ מער ווי 180 טויזנט איינוואוינערס, איז דאָך ממילא אליבא דכ"ע נישט קיין רה"ר.

ע"כ ווער עס זאָגט אַז ברוקלין איז א רה"ר ווייסט פשוט נישט דעם מציאות — אָבער מען האָט איהם פאַרפירט, מען האָט איהם אנדערש איינגערעט ווי דער מציאות איז, צוליב פאָליטיק.

### ביליגער פאָליטיק — אויפן אידישען חשבון

עס איז דאָ איין פאַרקרומטער רב מיט א פאַרקרומטען קאָפּ, וועלעכער איז א תלמיד פון יצחק אלחנן קאַליטש און ער האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ אַז מען מוז עוקר זיין ה' עירובין פון שו"ע, און לויפט אָרום צו רבנים און פּראָבירט צו זאַמלען חתימות מיט פאַרשידענע אינטריגעס און פאַרפירערישע ווענען אויסצונאַרען חתימות, און האָט אויך צו גענומען צו זיך זיין מחותן וואָס איז באַוואוסט אַז ער האָט א סאך יאָרען מאכיל טריפות געווען אומשילדיגע אידען מיט זיינע טרייפענע הכשרים וואָס איז מפורסם געווען אין אלע צייטונגען.

דער מאכיל טריפות וויל צוהעלפען מען זאָל מחלל שבת זיין ברבים, רופען זיי אַן רבנים אויפן טלפון און גייען פון הויז צו הויז צו רבנים אין טועהן כל פסלנות שבעולם.

### שבר גדול

עס איז נאָך נישט דערהערט געוואָרען, און מיר זענען ערשטוינט צו זעהן ווי א ציוניסטישע רבנישע ארגאַניזאַציע וואָס רוב רבנים זענען מזרחי'סטען זאָלען שרייבען ברבים דאָס אידען וואָס ווילען זיך פירען ווי עס שטייט אין שו"ע און אין אלע פוסקים און טראָגען שבת מיט אַן עירוב זאָלען ווערען אָנגערופען מחללי שבת בפרהסיא, און די וואָס מאַכען אַן עירוב זאָלען ווערען אָנגערופען מכשילי הרבים.

## שומו שמים !!!

## אַ בזיון סאַר דורות !!!

אחינו החרדים לדבר ה׳.

מיר בעטען אַלע רבנים ועמען כבוד התורה וקדושת ישראל איז טייער, זאָלען זיך אָננעמען קעגען דעם שרעקליכען מלשינות אין חילול השם, אָנצורופען גדולי תורה ועמודי ההוראה וואָס זענען זיך מוסר נפש על כל קוץ וקוץ שבתורה — מחללי שבת ומכשילי הרבים — , וואָס לויט די פוסקים איז איינער וואָס רופט דעם וואָס טראָגט פּיי אָן עירוב מחלל שבת איז דער אַ מין ואפיקורס און אַ זקן ממרא און מען דאַרף איהם מנדה ומחרים זיין, און מער טאָר נישט דאַווענען מיט איהם אין איין ביהמ״ד אין כש״כ נישט אויף רופען צו די תורה כידוע משו״ת הרא״ש ז״ל והתשב״ץ. עיי״ש.

### סאַלשע קלאַנגען

אויך האָבען די בריונים מפרסם געווען סאַלשע קלאַנגען אַז ברוקלין איז אַ רה״ר ווייל עס איז דאָ ששים רבוא.

ע״כ ווילען מיט דאָ אָראָפּברענגען דעם לשון השו״ע סי׳ שמ״ה סעיף ד׳ וחל״ק:

שכל שאין ששים רבוא עוברים בו בכל יום אינו רה״ר עכ״ל, ולזה הסכימו גדולי האחרונים ועיין בנו״כ.

און עס איז נישט דאָ קיין גאַס אין גאַנץ ברוקלין ווי עס איז דאָ ששים רובא עוברים בו בכל יום. (לויטען שטאַטיסטיק פון גאָווערנמענט) אפילו מען וועט אַריינרעכענען אַלע מענטשען וואָס זיצען אין קאַרס און אפילו אין אוישען פּאַרקווייז וואָס האָט 8 ליינס, סאַרען אויך נישט מער ווי 60 טויזענט קאַרס, און לויטן שטאַטיסטיק איז נישט דאָ מער ווי 93 טויזענט מענטשען, און לשיטת רוב האחרונים רעכענט מען נישט אַריין די מענטשען וואָס זיצען אין קאַר !, איין טעם ווייל אַ קאַר אַליין איז דאָך אַ רה״י. און אַן אַנדערער טעם איז, ווייל די מענטשען זיצען און גייען נישט, און עס דאַרף זיין דומה לדגלי מדבר ווי די מענטשען זענען געגאַנגען צופיס (—געוואָקט) (ווי דער לשון חז״ל והפוסקים ״בוקעים בו״).

איז אפילו אויב עס וואָלט נישט געווען קיין מחיצות איז דאָס אויך נישט קיין רה״ר, אָבער יעצט אַז עס איז דאָ מחיצות איז דאָך אוודאי און אוודאי אַז עס איז נישט קיין רה״ר לכל השיטות, און אַלע אַנדערע זאַכען זענען שקרים וכזבים וואָס מינים און אפיקרוסים וואָס זענען אינם מודים בעירוב און כופרים אין חז״ל טועהן מפרסם זיין.

און עס איז דאָ נאָך טעמים וואָס איז מבואר בספרי הראשונים ואחרונים וואָס מיר וועלען איה״ש מפרסם זיין אין אַ קונטרס מיוחד.

### מנהג אבותינו בידינו

עס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין די געשיכטע אַז רבנים זאָלען אַרויסקומען מיט אַ קול קורא, און אין צייטונגען, אַקעגען אַן עירוב וואָס רבנים גיבען דערויף אַ השגחה.

אַמאָליגע צייטען אויב אַ רב האָט געהאָט אַ טענה אַקעגען דעם עירוב, האָט דער רב אָפּגעשריבען אַ תשובה און געשיקט צום רב המכשיר און דער רב האָט איהם געענטפערט אַ תשובה וואָס איז געבליבען צווישען זיי ביידע !

אויך ווען מיר וועלען צוריק קוקען די געשיכטעס וועלען מיר זעהן דאָס אין גרויסע שטעט האָט בלויז איין רב געגעבען אַן השגחה, און די אַנדערע וואָס האָבען געוואָלט אַליין זעהן, זענען זיי געגאַנגען קוקען, אויב עס געפעלט זיי.

### האמת ניתן להאמר

דער וועד האָט גערעט מיט 19 רבנים גדולי הרבנים וואָס זענען דאָהי — די אַנדערע רבנים זענען דאָך אין סלאָרידא. — טייל האָבען מסכים געווען צום עירוב און האָבען געגעבען בריף — טייל האָבען געזאָגט אַז מיר גיבען השגחות אויף סראָדוקטען אין מיר האָבען מורא סאַר טעראָריזים ווי עס איז באַקאַנט מיט די אַנדערע עירובין ! און עס וועט אונז שאַטען צו די ביזנעס. טייל האָבען געזאָגט מיר קענען נישט ה׳ עירובין אין אויב מען וועט אונז פרעגען אַ שאלה וועלען מיר נישט קענען ענטפערען. טייל האָבען פשוט נישט געוואָלט מכח פּאָליטיק. אַנדערע האָבען מסכים געווען בעל פה.

### קושטא קאי

יעצט קענען מיר סאַרשטיין סאַרוואָס דער הייליגער ייט״ל זיעוכ״י האָט זיך מס״נ געווען בחיים חיותו. אין אַלץ נישט געקענט מאַכען אַן עירוב צוליב די מתנגדים כידוע. און האָט אַוועק געגעבען זיין גאַנץ עוה״ב סאַר דעם וואָס וועט מאַכען דעם עירוב, ווייל ער האָט סאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט צו ראַטעווען אַ גאַנצע שטאָט סון חילול שבת.

ליידער איז שוין באַקאַנט געוואָרען דורך אונזער חודש בלאַט אסיפת זקנים וואָס איז אַרויס אין חודש טבת, די 33 טעמים פון וויפיל חילולי שבת דער עירוב ראַטעוועט. ממילא קען מען שוין סאַרשטיין אַז די התנגדות צו מאַכען דעם עירוב דאַרף דאָך זיין אַ סאך שווערער ווי אין זמן פון הייליגען ייט״ל, און עס מוז אָנקומען מיט מס״נ.

### די קדושה האָט מנצח געווען

ב״ה מיט איין זאַך האָבען מיר מיט גרויס חסדי ה׳ מנצח געווען דעם ס״ם, אַז מיר האָבען אַזאַ עירוב וואָס איז כשר בלי שום חשש ופקפוק.

### גדולה תיקון עירובין שמביאה לידי שלום

דער ירושלמי (עירובין פ״ב ה״ג) זאָגט אַז עירובי חצירות איז משום דרכי שלום, דהיינו אַזוי ווי דער מנהג איז געווען, אַז מען האָט געשיקט אַ קינד צוזאַמען נעמען פּת פון אַ יעדען בעל הבית פון חצר, און מען האָט עס צוזאַמען־געלייגט אין איין שטיב, האט זיך אַמאל געטראָפען אַז צוויי שכנות פון חצר זענען געווען צוקריגט, און אַ קינד פון די צוויי שכנות איז געגאַנגען צוזאַמען נעמען די חלות פאַר עירובי חצירות, ווי נאָר דאָס קינד איז אריינגעקומען צו די צווייטער פרוי, האָט זי אנגעהויבן צו האַלזען און קישען דאָס קינד, און איהם געגעבען צו עסען, ווען דאָס קינד איז אַהיים געקומען צו די מוטער, און האָט איר דערציילט אַז די שכנ׳טע האָט איר געהאַלזט און געקושט און געגעבען צועסען און טרינקען. האָט זי געזאָגט צו איר מאַן, מיט אַזאַ שכנ׳טע זאָל איך זיין צוקריגט ! למחר האָבען זיי זיך באַגעגענט אין גאס, און זיי האָבען זיך צעקושט און איבערגעבעטען. און אַזוי פירט אויס דער ירושלמי, ״הדא הוא דכתיב דרכי׳ דרכי וגו׳, אַז עירובי חצירות ברענגט צו שלום. דער רי״ף און דער רמב״ם ברענגען דעם ירושלמי להלכה.

ואיתא בירושלמי (תענית ד:) על ג׳ דברים העולם עומד על הדין, ועל האמת, ועל השלום ושלשתן דבר אחד: נעשה הדין, נעשה אמת, נעשה שלום.

ואיתא (בתוספתא ב״ק ז) בני תורה שהם שלום בעולם על אחת כו״כ שיהיו שלימים לפני המקום.

וה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום.

# וועד למען קדושת השבת